# די פֿיר קשיות

טאַטע לעבן, איך וויל דיר פֿרעגן די פֿיר קשיות. פֿאַר וואָס איז די נאַכט פֿון פּסח אַנדערש פֿון אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר?

די ערשטע קשיא וויל איך דיר פֿרעגן:

פֿאַר וואָס אַלע נאַכט פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַז מיר ווילן, עסן מיר חמץ, און אַז מיר ווילן, עסן מיר מצה, אָבער די נאַכט פֿון פּסח עסן מיר נאָר מצה, און קיין חמץ טאָרן מיר נישט עסן? האָב איך דיר געפֿרעגט איין קשיא.

די צווייטע קשיא וויל איך דיר פֿרעגן:

פֿאַר וואָס אַלע נאַכט פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַז מיר ווילן, עסן מיר ביטערע גרינסן, און אַז מיר ווילן עסן מיר זיסע גרינסן, אָבער די נאַכט פֿון פּסח עסן מיר נאָר ביטערע גרינסן? האָב איך דיר געפֿרעגט צוויי קשיות.

די דריטע קשיא וויל איך דיר פֿרעגן:

פֿאַר וואָס אַלע נאַכט פֿון אַ גאַנץ יאָר, טונקען מיר איין מאָל אויך ניט איַין, אָבער די נאַכט פֿון פּסח טונקען מיר איַין צוויי מאָל – איין מאָל גרינס אין זאַלץ וואַסער, און דאָס צווייטע מאָל כריין אין חרוסת? האָב איך דיר געפֿרעגט דריַי קשיות.

די פֿערטע קשיא וויל איך דיר פֿרעגן:

פֿאַר וואָס אַלע נאַכט פֿון אַ גאַנץ יאָר אַז מיר ווילן עסן מיר זיצנדיק, און אַז מיר ווילן עסן מיר אָנגעשפּאַרט, אָבער די נאַכט פֿון פּסח עסן מיר אַלע אָנגעשפּאַרט?

איצט האָב איך דיר געפֿרעגט אַלע פֿיר קשיות. ענטפֿער מיר שוין איין תּירוץ פֿאַר אַלע פֿיר קשיות.